# לעבן מיט משיח

Published by **Moshiach Resource Center Tel**: 514 385–9514 FAX 514 858–0693 E–Mail: ZusheSil@total.net

**785** נוסד לע"נ האשה החשובה מרת שרה מעשא ב"ר דוד ע"ה. נלב"ע ח' מנחם אב תשנ"ה

בס"ד. ועש"ק תצוה, פ' זכור, י"ב אדר, ה'תשע"ז - ק"ן שנה להסתלקות הילולא של כ"ק אדמו"ר הצ"צ


## מרדכי האָט געהאָדעוועט אסתר'ן, אַז בשעת ס'האַנדלט זיך וועגן אידן, דאַרף מען ניט טראַכטן וועגן קיינע זאַכן, מ'דאַרף גיין במסנ"פ....

. . . אין דער שטאָט וואו דער טאַטע איז געווען אַ רב, האָט ער געהאַט אַסאַך מנגדים, איבער דעם וואָס ער פלעגט חזר'ן חסידות און איינגעפירט פאַרשידענע חומרות והידורים אין שטאָט. אַמאָל האָט איינער פון זיינע מנגדים גע'מסר'ט פאַרן גובערנאַטאָר, אַז עס האָבן זיך צונויפגעקליבן עטליכע אידן, און האָבן אויסגעקליבן אַ רב, אַ מענטש וואָס שיכור'ט און רייסט קליידער פון מענטשן.

דער גובערנאַטאָר האָט זיך זייער געוואונדערט אַז דער רוב אידן פון שטאָט זאָל אויסקלייבן אַזאַ סאָרט רב, האָט דער גובערנאַטאָר געשיקט איינעם פון זיינע פקידים צום טאַטן אין שטוב, זען וואָס דאָרטן איז. אַז דער פקיד איז געקומען צום טאַטן אַהיים, האָט ער אים געטראָפן ווי ער זיצט און לערנט, קיין משקה אויפן טיש איז ניטאָ, און עס איז אַלץ בסדר. האָט ער זיך נאָכמער געוואונדערט, וואָס פאַר אַ מעשה דאָ איז. דער פקיד האָט דערציילט דעם טאַטן וועגן דער גאַנצער מסירה, האָט אים דער טאַטע געזאָגט אַז ער ווייסט ניט פון קיינע מעשיות.

וואָס פאַר אַ מעשה איז טאַקע געווען? איז מען דערנאָך דערגאַנגען אַז עס איז געווען אַזאַ זאַך: י"ט כסלו האָט מען פאַרבראַכט, מען האָט זייער גוט פאַרבראַכט, דער טאַטע האָט גע'חזר'ט אַסאַך חסידות, אַלע זיינען געווען אויפגעלייגט, און מען האָט פאַרבראַכט שפּעט אין דער נאַכט. אַמאָל איז געווען אַ סדר באַ חסידים אַז באַ אַ פאַרברייינגעניש פאַרטאָג, פלעגט מען אויסטאָן די זופּיצעס און טאַנצן אָן די זופּיצעס. יענעם י"ט כסלו האָט מען אויך אַזוי געטאָן. עס איז געווען איינער וואָס האָט עפּעס ניט געוואָלט אַזוי גיך אויסטאָן, איז אַזוי ווי דער טאַטע האָט יעמולט קיין דאגת הפרנסה ניט געהאַט, געקומען ניט לאַנג פון ליובאַוויטש, געווען זייער אויפגעלייגט - האָט ער אים געהאָלפן אויסטאָן דעם סירטוק, איז געבליבן דער אַרבל באַ דעם טאַטן און דער סירטוק באַ יענעם. . . * —.

איז מרדכי האָט געהאָדעוועט אסתר'ן, אַז בשעת עס האַנדלט זיך וועגן אידן, דאַרף מען ניט טראַכטן וועגן קיינע זאַכן, און מען דאַרף גיין במס"נ, בשעת עס איז געוואָרן די גזירה, האָבן מרדכי ואסתר געזאָגט, פאַסט אידן פסח, ווייל בשעת עס איז אַ גזירה האָט מען זיך ניט גערעכנט מיטן דין פון פסח, און אַזוי אויך זי אַליין, האָט זיך איינגעשטעלט דעם לעבן און געגאַנגען צו אחשורוש'ן.

און ניט נאָר וואָס זיי אַליין האָבן ניט געטראַכט וועגן זיך און געשטאַנען במס"נ, האָבן זיי אויך צונויפגעקליבן צוויי און צוואַנציק טויזנט אידישע קינדער און אַרויסגערופן באַ זיי, אַז זיי זאָלן לערנען תורה במס"נ, און דורך די תשב"ר, האָבן זיי אַרויסגערופן דעם כח המס"נ באַ אַלע אידן, אויך די וואָס פלחו לצלם נבוכדנצר ונהנו מסעודתו של אחשורוש, אַז לא עלה מחשבת חוץ ח"ו על לב אחד מהם במשך כל השנה, און דורכדעם דוקא האָט מען מבטל געווען די גזירה.

דער לימוד דערפון צו נשי ובנות ישראל בכלל ונשי ובנות חב"ד בפרט:

בשעת עס האַנדלט זיך וועגן מחנך זיין קינדער, דאַרף מען ניט טראַכטן וועגן דעם "תכלית" זייערן, נאָר מחנך זיין זיי ברוח התורה, עס איז ניטא וואס צו קוקן אויף די חברת'עס....

(משיחת ש"פ צו, שושן פורים, תשי"ד)

- - - - - - - - - - -

*) ראה גם שיחת ש"פ תשא, ה'תשמ"ה.

לזכות **שלום בן פריידא ופיגא רעכא רחל** בת **איטא העניא** שיחיו
ליום הולדתו, ז' אדר לאויוש"ט - לשנת ברכה והצלחה בכל המצטרך

לזכות הילד **מרדכי** בן פריידא שיחיו **שוסטערמאן**
ליום הולדתו י"ב אדר לאויוש"ט ובריאות ולשנת ברכה והצלחה
ולזכות אחיו **בצלאל בן פריידא ויעקב בן פריידא** שיחיו
ליום הולדתם, ער"ח אדר לאויוש"ט - לשנת ברכה והצלחה

לע"נ נשמות הרה"ח ר' יהודא ב"ר אהרן ע"ה שפּרן
הרה"ח ר' חיים אר' ב"ר משה ע"ה זילבערשטיין
הרה"ח ר' אליהו יצחק ב"ר חיים אר' ע"ה זילבערשטיין

לע"נ רפאל לוי יוסף ב"ר יצחק ע"ה — תנצב"ה

**ונזכה זעהן זיך מיט'ן רבי'ן דא למטה.... . . והוא יגאלנו!**